מוז דוקא זיך געפונען ערגיץ אויף אַ הקדש־גאַס, און אַז דער ישיבה־בחור מוז דוקא אַרומגעהן נאַקעט און באָרוועס און הונגערן גאַנצע טעג. די לובלינער ישיבה וועט דערום דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע אַנדערע פוילישע און ליטווישע ישיבות.

דער שרעקליכער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד שטערט אונז אָבער פיעל אין דער אַרבייט. מיר האָבען געפּלאַנט אויפצושטעלען אַ געביידע פון 52 מעטער אין די לענג, דאָס איז אַ שטאָדט פאַר זיך. אין דער געביידע געפונט זיך אַ ספּעציעלע שוהל מיט העכער 1500 זיץ־פּלעצער וואו די גאַנצע פוילישע תורה יוגענד וואָלט זיך געקאָנט קאָנצענטרירען; ליידער האָט זיך דער אַלגעמיינער קריזיס אָבגערופען זעהר שלעכט אויף דעם גאַנג פון דער אַרבייט, אַזוי, אַז מיר קענען נאָך נישט פאָראויסזאָגען ווען ס'וועט זיך אונז איינגעבען אונזער גרויסער אויפגאַבע צו פערווירקליכען. מיר פיהלען אָבער שוין פאָראויס די פרישע אַטמאָספערע און דעם רוח התורה וואָס וועט דאַן ענטשטעהן אין יודישען לעבען, ווען די קינדער וועלען זיך צופאָהרען מיטנעהמענדיג מיט־זיך אַ היים דעם רייכען ישיבה־גייסט, דעם רוח התורה.

אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון אַמעריקאַנער לינקען „פאָרווערטס" געפונען מיר אַ קורצע נאָטיץ אונטערן נאָמען: „דער „ראַזוואָי" און די לובלינער ישיבה". צווישען אַנדערעס שרייבט ער: דער אַנטיסעמיטישער „ראַזוואָי" האָט אין טאָג פון דער גרונד־שטיין־לעגונג פון דער לובלינער ישיבה צונויפגערופען אַ גרויסען מאַסען־מיטינג מיט'ן צוועק צו פּראָטעסטירען געגען דעם אויפבוי פון דער לובלינער ישיבה. און אָט פרעגט דער „פאָרווערטס": וואָס פאַר אַ שייכות קען האָבען דער „ראַזוואָי" צו אַ ישיבה; דער „ראַזוואָי", וועלכער וויל דאָך—לויט זיין בערוף—איבערליפערען וואָס מעהר דעם האַנדעל אין ניט־יודישע הענד, וואָס־זשע קען עס איהם, דעם „ראַזוואָי", אַהרען ווען נאָך 1500 בטלנים וועלען זיך ווידמען דעם תורה־שטודיום און פערלירען אַזוי־אַרום די געהעריגע קוואַליפיקאַציעס אין מסחר? און דער „פאָרווערטס" ערקלערט עס קורץ: דער „ראַזוואָי", אָט די יודענפרעסערישע אָרגאַניזאַציע, פיהלט אינסטינקטיוו, אַז דאָס יודישע פאָלק באַזירט און ציהט נאָר זיין לעבענס־יניקה פון דעם גייסטיגען תורה־צענטער; וואָס אַ ישיבה מעהר — אַלץ מעהר עקזיסטענץ־פעהיג ווערט דאָס יודישע פאָלק. און אָט דערום האָט דער „ראַזוואָי" אויפגעהויבען אַזאַ פּראָטעסט געגען דער לובלינער ישיבה, וועלכעס האָט, אגב, פערשאַפט פיעל שוועריגקייטען ביים דורכפיהרען די פערשידענע בוי־פאָרמאַליטעטען.

און ווען אויך דער עקסט־לינקס געשטימטער „פאָרווערטס" פאַסט אַזוי אויף די בעדייטונג פון דער לובלינער ישיבה, דאַן קענען מ י ר זיך שוין פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ ברייטע, ליכטיגע צוקונפט די ישיבת חכמי־לובלין פאָרברייטעט פאַר אונז.

אַלס איינעם פון די פינאַנסיעלע יסודות פון דער לובלינער ישיבה האָבען מיר בעשטימט דעם „גראָשען יומי". אין טאָג ווען יעדער יוד איז ענטוזיאַסטיש געשטימט, זייענדיג מסיים אַ מסכת, אין אָט דעם טאָג, ווער פון אונז וועט האָבען אַזאַ פערשטיינערט הארץ צו זאָגען, אַז ער גיט נישט דעם גראָשען פאַר די גרויסע תורה־העלדען, פאַר די, וואָס שפּינען דעם אור־אַלטען גאָלדענעם תורה־פאָדים. אָט דאָס אַלעס איז דער גרויסער אַקטיוו פון דער גראַנדיעזער און ערהאַבענער כנסי' גדולה.

איך רעזומיר אין איך שליס:

ס'ווערט געפאָדערט פון אייך זעלבסט אַנערקענונג, רעספּעקט פאַר זיך אַליין, אויפלעבונג, ערוואַכונג. אונזער אויפגאַבע איז, אַז די היסטאָריע זאָל אונז נישט קענען פעראורטיילען אַז מיר זענען שולדיג אין דער פערפרעמדונג פון אונזער קומענדען דור!

והי' כי ידבר אליכם פרעה תנו לכם מופת ואמרת לאהרן קח את מטך והשלך לפני פרעה יהי לתנין! האָט דאָך אייגענטליך געברויכט שטעהען: תנו לי מופת, וואָס עפּעס, תנו לכם?

ג—ט האָט געזאָגט צו משה רבינו. ווען פרעה וועט וועלען פערהאַלטען דעם עם ישראל אָנווייזענדיג, אַז דאָס פאָלק איז נישט מיט אייך, אַז דאָס פאָלק, וואָס זינקט אין די מ"ט שערי טומאה — ווי די חז"ל ערקלערען אונז — הללו עובדי ע"ז והללו עובדי ע"ז איז פאָלשטענדיג אַסימילירט און ער וועט צו אייך זאָגען תנו לכם מופת!

גיב משה אַ צייכען אַז דאָס אַסימילירטע פאָלק געהערט לכם — צו אייך? דאַן קח את מטך והשלך לפני פרעה יהי לתנין! ווייז איהם, פרעה'ן, אַז זאָגאַר אָט דער שטעקען אויף וועלכען ס'איז אויסגעקריצט דער שם המפורש קוים וועסטו איהם נאָר אַרויסלאָזען פון ד יי ן האַנד דאַן וועט ער אויך אַ שלאַנג ווערען! וועסטו איהם אָבער נעהמען צוריק אין דיין האַנד דאַן ווערט ער צוריק דער שטעקען אויף וועלכען ס'איז אויסגעקריצט דער שם המפורש.

יאָ! אויך די יוגענד וועלכע איז פערפרעמדט פון אונז איז גאָר אַזוי לאַנג אַסימילירט און ווייט פון אונז כל זמן זי געפונט זיך אין פרעה'ס האַנד, צווישען דער פערגיפטעטער מצרי'שער סביבה — וועלען מיר אָבער זי אַרויסנעהמען פון די מ"ט שע י טומאה דאַן וועט אויך אָט דער שלאַנג אין אַ הייליגען מטה מיט אַ אויסגעקריצטען שם־המפורש פערוואַנדעלט ווערען! פון אָט די עובדי ע"ז וועלען מיר — ווי פון יענע יוצאי מצרים —שאַפען אַ עלעמענט וואָס וועט זיין גרייט אַ תורה בקבל צו זיין! (לאַנגדויערענדע ענטוזיאַסטישע אַפּלאָדיסמענטען)

(ענדע)

צ—ר.

פון מיין ביכער שאַנק.

„בית יעקב" לאָדז תשרי תרפ"ד—שבט תרפ"ה

(סוף)

יאָ דאָס דאַרף מען אייך בעמערקען ה' לייכטער האָטש אין אייער ווילען איז קיין מניעה נישטאָ, דאָך דאַרפט איהר זעהן אָנצושטרענגען כחות דעם „וססכוד" צופערגרעסערען. דער ציעל וועט דאָך קיינמאָל נישט ערריכט ווערען אין זיין פולער מאָס, כל זמן ר'וועט נישט אין כמות פערגרעסערט ווערען, ס'פיהלט זיך אַ קאַרגשאַפט און אַ בעגרעניצונג איבערלעזענדיג איהם אָרים איז ער פאַר די, וואָס ר'איז פאַר זיי בעשטימט' אַ יודישע טאָכטער וואָס שטודירט אין שול, און אַפילו די וואָס שטודירט נישט, קוים איז זי נאָר אַ „בית־ספר" ווערען דאָך די עטליכע זייטלעך „וססכוד" בטל בששים לגבי די ביכער וואָס זי לעזט אין משך פון אַ חודש.

אמת דער לעצטער שבט נומער איז אַ ביסעל שוין רייכער, אָבער נאָך האַלט עס נישט דערביי, צובעפרידיגען די יעניגע וואָס — לויט אונזער טיעפע איבערצייגונג —נויטיגען זיי זיך אַזוי שטאַרק אין איהם. לידער, נאָוועלען, סקיצען, ערצעהלונגען, ביאָגראַפיעס, רייכע רעליגיעזע געדאַנקען, און דער נאָך איבערזעצונגען, מיט דעם דאַרף אָנגעפיהלט ווערען דער „וססכוד" איהר קאָנט אייך נישט ערלויבען אויף אַזאַ קלייגעם ענגען שטח צו געבען צוויי אַזעלכע איבערצייגונגען ווי „גאָט'ס פאָלק" און די „ביינצעהן בריעף".

אויב מיר ווילען דער „וססכוד" זאָל דיענען די יונגע יודישע טאָכטער, איהר אָבהאַלטען פון די פרייע ליטעראַטור און איהר אויפקלערען דעם רעליגיעזען געדאַנק. דאַן דאַרף דאָס אויבענדערמאָנטע גענומען ווערען אין אכט, און האַנד ביי האַנד צו זאַמען מיט'ן „בית יעקב" [אויסדריקליך צוזאַמען ווייל בעזונדער פערלירט ער אַ טייל פון זיין וויכטיגקייט] שטרעבען מיט אַלע כחות צו געבען די יודישע טאָכטער דאָס, וואָס זי נויטיגט זיך דעריגען אַזוי שטאַרק, בעסער געזאָגט, צו געבען איהר אַזוי פיעל, זי זאָל נישט דאַרפען געהן זיכען ביי פרעמדע, זי זאָל נישט דאַרפען זיין אַ מצפה על שלחן אחרים...

דער „קינדער גאָרטען", אודאי איז עס אַ שעהנע יצירה אַ בעזונדערע אָבטיילונג פאַר קליינע קינדער וואָס לערנען אין די „בית יעקב" שולען.

רעדענדיג וועגען „קינדער גאָרטען" דאַרף קודם־כל בעטראַכט ווערען די לאַגע אין וועלכע די לעהרערן און דאָס קינד געפינט זיך בנוגע לעהר־ביכער און קינדער־ליטעראַטור פאַר דער אָרטאָדאָקסישער שול. אויף דעם געביט איז ליידער עד היום גאָר נישט געשאַפען געוואָרען, אַפילו דאָס יונגעל וואָס לערנט אַ גאַנצען טאָג למודי־קודש און וויל איין שעה האָטש אין טאָג זיך לערנען העברעאיש, האָבען מיר פאַר איהם נישט דאָס פאַסיגע לעהר־ביכל לויט אונזער גייסט, יעצט ווי זעהט שוין אויס די לאַגע פון די „בית יעקב" לעהרערן נישט האָבענדיג פאַר זיך דאָס מינדסטע עלעמענטאַרסטע ביכל פאַר די קליינינקע יודישע טאָכטער?

וואו זענען ערשט די ענטשפּרעכענדע חריסטאָמאַטיעס וואָס זאָלן שטרענג זיין צוגעפּאַסט צום אָרטאָדאָקסישען גייסט, און גלייכצייטיג צו די מוחות פון אונזערע טעכטער? אָדער די אַזוי גערופענע — אין די שול קרייזען — בראָשור־קינדער־ליטעראַטור, אַלס לעזע מאַטעריאַל פאַרן קינד?

אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט וועגען אָט די ברענענדע פראַגע וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט אין זיינער צייט בערירט אויף דער צווייטער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון דער אַגודה ט'ו שבט תרפ"ב אויף דער צעירים־קאָנפערענץ, און זי איז איינגעשלונגען געוואָרען אינ'ם כאָאָס וואָס האָט געהערשט אויף דער דאַמאָלסדיגער זיצונג ביים פּונקט „משרד־וואַהלען...

ה' פרידענזאָן! איהר דאַרפט גרויס אַכט לעגען, אַז דער „קינדער גאַרטען" זאָל קאָנען דיענען דעם קינד ר'דאַרף זיין אַ „קינדער גאָרטען" מיט'ן פולען זין פון וואָרט... יעדע ערצעהלונג אָדער ליעד דאַרף האָבען איהר ספּעציפישע שפּראַך און אייגענשאַפט, דער „חן של ילדות" דאַרף שוועבען אויף יעדערער שורה, אַז ס'זאָל זיך דאַכטען דעם קינד, אַז ס'רעדט מיט איהם אַ צווייט בחנ'ודיג קליג קינד... איהר דאַרפט שטעהן שטאָל־פעסט ביים כלל, אַז, „לא כל מי שרוצה לכתוב יבוא ויכתוב".

נעמען מיר למשל: „ביים טאַטענס חנוכה־לאָמפּ" (בית יעקב 12 №) הערט מען אַ פראַגע: „טאַטעשי, פאַרוואָס צינדסטו היינט אַ ליכטעלע, צו איז היינט ערב־שבת אָדער ערב יום־טוב?" איך וויל נישט אַריין געהן אין די עצם פראַגע אַז זי איז גאָר נישט בנמצא אַפילו ביים קלענסטען קינד, ווייל אַ קינד וואָס הויבט נאָר אָן רעדען, דערצעהלט מען איהם שוין פון עטליכע וואָכען פריהער — הן אין דערהיים און הן צווישען די איבעריגע קינדער—פון אַ חנוכה בענשען, פון קליינע ליכטעלעך, און פון חנוכה־געלד... נו, אַז ס'קומט שוין דער ערוואַרטעטער חנוכה, פרעגט אַ קינד צו ס'איז היינט ערב־שבת אָדער ערב יו"ט?... נאָר קוים איז די פראַגע יאָ געשטעלט געוואָרען איז זי אַליבא דהכל פון אַ קליין קינד העכסטענס ביז אַ יאָהר פינף. פרעג איך אייך ה' ב. ש. בעל מחבר פון דיאַלאָג, צוויי פראַגען, ערשטענס: צו ווייסט אַזאַ פינף יעהריג קינד וואָס אַזוינס איז ערב שבת און אַ ערב יו"ט? אַזאַ קינד ווייס פון אַ פרייטאָג. און אַז אויף דער נאַכט איז יום־טוב, און קיינמאָל נישט פון אַ ערב שבת און אַ ערב יו"ט. צווייטענס, צו איז אייער ענטפער פאַר דעם קליינעם קינד אַ ענטפער, הערט זשע אַלע: נישט ערב שבת און נישט ערב יום טוב איז היינט, ס'איז היינט דער גרויסער יו"ט פון דער יודישער אמונה, און ג—ט און זיין הילף פאַר די וואָס גלויבען אין איהם געטריי מיט'ן גאַנצען האַרצען" גו, צו ווייסט שוין דאָס קינד אַ ענטפער, אַז ס'געהט גלייך איבער צו אַ צווייטע און צו אַ דריטע פראַגע? אַזוי ה' פרידענזאָן איז דער גאַנצער דיאַלאָג, דאָס קינד שטעלט נאַאיווע פראַגען און די תירוצים זענען אַזעלכע וואָס אַ 15־יעהריג קינד קאָן עס אפשר קוים בעגרייפען...

דער דיאַלאָג פון ש. ראָטשטיין „די מאַמע און די טאָכטער" [№ 5—6] אויך דער דיאַלאָג האָט אַ קנאַפּען שייכות — מיט'ן „קינדער־גאָרטען" האָטש דאָרט רעדט זיך פון אַ 13־יעהריגע רחל'ע...

איכות, כמות, פּראָטעסטירט, קוואַליטעט, קוואַנטיטעט, דאָס אַלץ זענען ווערטער, אָבער זעהר ווייט זיי צו בענוצען אין אַ קינדער דיאַלאָג... קינדער שאַפונג פערלאַנגט ספּעציפישעס, מעג יענער זיין אַ גרויסער פּאָליטיקער... אָדער אַ גרויסער פילאָזאָף... און אַ מעשה פאַרן „קינדער־גאָרטען" נישט קענען אָנשרייבען...

דאָס דאַרפט איהר טיכטיגער רעדאַקטאָר נעמען אין אכט אויך דאַן ווען די יצירה פון לעהר ביכער און קינדער ליטעראַטור וועט זיך אָנהויבען, אויב די קריטיק וועט אַדורך לאָזען פערשידענע אַרטיקלען, געדאַנקען און ערצעהלונגען, וועט זי אייך איין שורה נישט אַדורכלאָזען אויב די לעצטע וועט זיין געווידמעט דעם קינד,

די „תלמודישע אַגדות" און די „יודישע מדות" אויך דאָס זענען פערעל פאַרן „קינדער גאָרטען", אָבער מיט מעהר פּאָפּולערקייט דאַרפען זיי געשריבען ווערען אַז אַ קינד זאָל האָבען פון אַגדה וואָס צו געדענקען און וואָס צו דערצעהלען...

בכלל איז דער „בית יעקב" זשורנאַל, אַ וויכטיגע צווייג אין דער אָרט. ליטעראַטור, ס'טאָר זיך איין יוד נישט געפונען וואָס ר'זאָל דעם „בית יעקב" נישט אַ היים קויפען פאַר זיין בני־בית, וואָס וועקט און מונטערט די יודישע פרוי און טאָכטער צו אַ רעליגיעזע בעוואוסטזיין, און פערזייט אויף די יונגע הערצער ליעבע —צו אַלע קדשי־האומה.

גרויס ערפאָלג ווינשען מיר דעם „בית יעקב" אין זיין ווייטערדיגען וועג.

בעל שם.

אונזער וועג-שעדליץ 1925-03-20 כד-אדר-תרפה גליון-0041 000004 a הודפס מתוך הארכיון היהודי